בס"ד

בראשית תשפ"ג
גליון 113

דער ריינער קוואל

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייְערֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ סוֹחֵר אִין אַ יְרִיד פוּן אַרְבַּעַת הַמִּינִים, וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גֶעלוּנְגֶענֶער סוֹחֵר. אַזוֹי וַוייט אַז עֶר פְלֶעגְט שׁוֹין צֵיילְן דָאס גֶעלְט אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי פִילֶע פִילֶע קוֹיפֶערְס וָועלְכֶע זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם זַיין טִישְׁל, צוּ קוֹיפְן אֶתְרוֹגִים, לוּלָבִים הֲדַסִּים א.א.וו. אַזוֹי הָאט עֶר גֶעפַּאקְט נָאךְ אוּן נָאךְ פַּאפִּירֶענֶע דָאלַארְן אִין זַיין בֶּערְזְל!

וֶוען דֶער יוֹם טוֹב סֻכּוֹת אִיז אַרִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעזֶעצְט צֵיילְן דִי פֶּעקְלֶעךְ גֶעלְט וָואס עֶר הָאט פַארְדִינְט.




דָאס אִיז אַ שֵׁיינֶע מָשָׁל. יֶעצְט וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיים אַרוֹיסְגֵיין, בְּצֵאתוֹ מִן הַקוֹדֶשׁ פוּן דֶער הֵיילִיגֶער חֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, דֶער יֶרַח הָאֵתָנִים. גֶעלוֹיבְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אִין דֶעם הֵיילִיגְן חֹדֶשׁ, אַ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא קִבּוּץ בַּיים רֶבִּי'ן, וֶוען קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶע'חָלוֹמְ'ט אַז דָאס יָאר וֶועט זַיין אַזַא שֵׁיינֶער פַארְזַאמְלוּנְג בַּיים רֶבִּי'ן, אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ פָארְן לַאנְגֶע שְׁטְרֶעקֶעס צֶענְדְלִיגֶע שָׁעוֹת אוּן טֶעג, כּוֹחוֹת הַנֶּפֶשׁ אוּן גוּף אוּן אוֹיסְגֶעגֶעבְּן גֶעלְטֶער פַאר'ן רֶבִּי'נְס בַּאפֶעל.

גְלַייךְ דֶערוֹיף הָאבְּן מִיר גֶעהַאט דִי עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, יוֹם הַקָדוֹשׁ, דִי פִיר טֶעג אִינְצְוִוישְׁן, דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב סֻכּוֹת, שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה, אַרְבַּע מִינִים, הוֹשַׁעְנוֹת, דֶעם רֶבִּי'נְס יָארְצַייט, דֶערְנָאךְ דֶער יוֹם טוֹב שְׁמִינִי עֲצֶרֶת – שִׂמְחַת תּוֹרָה וֶוען אַלֶע אִידְן הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט מִיט דִי תּוֹרָה, אַלֶע הָאבְּן בַּאקוּמֶען אַן עֲלִיָּה לַתּוֹרָה.

יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ עֶפֶענֶען דִי פֶּעקְלֶעךְ פוּן דִי אוֹצָרוֹת וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ צַאמְגֶעקְלִיבְּן אִין דֶעם חֹדֶשׁ, אוּן דַאנְקְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדֶע מַתָּנָה בַּאזוּנְדֶער, נֶעמֶען יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע מִינוּט אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט שֶׁבַח וְהוֹדָאָה פַאר דֶעם הֵיילִיגְן חֹדֶשׁ וָואס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען, אַזַא לֶעכְטִיגֶע חֹדֶשׁ וָואס אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, מֶען הָאט גֶעקֶענְט גֵיין אִין שׁוּל אוּן הֶערְן שׁוֹפָר, שְׁרַייעֶן הַמֶּלֶךְ. 'יוֹם כִּפּוּרִים' זֶענֶען מִיר גֶעוָוארְן אָפְּגֶעוַואשְׁן פוּן אַלֶע זִינְד, אַלֶעס אִיז גֶעוָוארְן אָפְּגֶערֵיינִיגְט. 'סֻכּוֹת' הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן בְּצִילָא דִמְהֵימְנוּתָא, אִין שָׁאטְן פוּן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה. דִי אוּשְׁפִּיזִין, דִי הֵיילִיגֶע זִיבְּן פַּאסְטוּכֶער וָועלְכֶע פַּאשְׁן דִי אֱמוּנָה. מִיר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן דִי הֵיילִיגֶע פִיר מִינִים אִין אוּנְזֶער הַאנְט, דֶער הֵיילִיגֶער מִנְהָג פוּן דִי הוֹשַׁעְנוֹת.

המשך אויף זייט 8

טײַערע קינדער, ר' לֵוִי יִצְחָק פַּארְצֵיילט װעגן דעם רבי'נס לִיכְטִיגֶע אִידְן װאס מיר האבן פַארְמָאגְט אין אומַאן. די װָאךְ װֶעט מֶען דֶערְצֵיילְן װעגן אַ אִיד װאס האט געהײסן, ר' אַבְרָהָם קוימען קֶערֶער און פון אַ אִיד מָאטְיֶע קַאנֶעלְסְקִי.

אַבְרֶהמְ'ל דער קוימען קֶערֶער, עֶר פְלֶעגְט קֶערְן די קוימֶענס, דָאס איז געװען זײַן פַּרְנָסָה, שְׁטֶענְדִיג האט ער זיך אַרוּמְגֶעדְרֵייט מיט אַן אַש אויסגעשמירטן פָּנִים. [אַמָאלִיגֶע צײַטְן פְלֶעגְן אַלֶע שְׁטִיבֶּער האבן אַ קוימען אויפן דאךְ, אַז די הייסע פַּארֶע פון דער אויװן װעלכע הייצט די שְׁטוּב זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם קוימען]

קוּק װיאַזוֹי האבן אוּנְזֶערֶע קוימען קֶערֶער אוֹיסְגֶעקוּקְט. בַּיים אָנְהוֹיב הִתְקָרְבוּת מײַנע, בין איך געװען אַ שַׁבָּת אין בַּארְדִיטְשׁוּב, דעם עֶרְשְׁטְן אֱלוּל תרע"ד, קוּמְט אַרײַן אַ 'קוימען קֶערֶער' מיט אַ שְׁװַארְצְן בֶּעזֶעם, און לֵייגְט עס אַװעק אִינְדְרוֹיסְן, און ער קוּמְט אַרײַן אין שוּל און ער שְׁטֶעלְט זיך אַװעק דַאוֶוענֶען. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! װאסְפַארַא דַאוֶוענֶען האט דער קוימען קֶערֶער אַראפְּגֶעלֵייגְט, אַ געשְׁמַאק פון אַ דַאוֶוענֶען!

מיר האבן גֶעזֶען דָארְטְן אין בַּארְדִיטְשׁוּב 'עוֹבְדֵי הַשֵּׁם'! און נָאךְ אַ זַאךְ האבן מיר געזען דָארְטְן, מיר האבן געזען אַ מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַארְן רבי'נס זַאךְ! זיי האבן געהאט עֶפֶּעס אַזאַ מין גֶעפִיל פַארְן רבי'ן, דָאס קען מען נִישְׁט נָאכְמַאכְן, אַז מַמָּשׁ זיי האבן גֶעפִילְט אַז מען דַארף זיך מוֹסֵר נֶפֶשׁ זײַן פַארְן רבי'נס זַאךְ! נוּ, דָאס איז געװען זײַער גַאנְצֶע חִיוּת.

עס איז געװען אַ איד װאס האט גֶעהייסְן נַאשְׁקֶע קַאנֶעלְסְקִי, זײַן טַאטֶע האט געהײסן מָאטְיֶע, דער מָאטְיֶע איז נישט געװען אַזאַ גְרוֹיסֶער 'עוֹבֵד' אַזוֹי װי די 'עוֹבְדִים' פון אומַאן, ער איז געװען אַ פָּשׁוּטֶ'ער מענטש, אָבֶּער זײַן מְסִירַת נֶפֶשׁ פַארְ'ן רבי'נס זַאךְ װאס ער האט געהאט - דָאס איז געװען מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק. װי אויךְ האט ער געהאט גענוּג פַּרְנָסָה.

ער פְלֶעגְט זיך הַאלְטְן נָאנְט און שְׁטֶענְדִיג גֵיין צו ר' געצֶע, ער איז גֶעקוּמֶען קיין אומַאן נָאךְ סֻכּוֹת, ער האט גֶעקוֹיפְט אַ גְרוֹיסֶע װָאגְן מיט הָאלְץ, ער האט אַװעקְגֶעלֵייגְט אַ זַאק מֶעל דָארְט אויף דער װָאגְן מיט די הָאלְץ, דֶערְנָאךְ עס צוּגֶעפִירְט צו רֶבּי געצֶע אין שְׁטוּב אַרײַן, האט געצֶע געהאט דֶערְפוּן אַ הַאלְבֶּער װִינְטֶער - אַ װָאגְן מיט הָאלְץ מיט אַ זַאק מֶעל!


קוימען אויף די דעכער

װען ס'איז געקומען חֲנוּכָּה, איז מָאטְיֶע גֶעקוּמֶען נָאכְאַמָאל קיין אומַאן, האט ער נָאכְאַמָאל געבְּרֶענְגְט אַ װָאגְן מיט הָאלְץ, מיט אַ זַאק מֶעל און אַװעקְגֶעלֵייגְט בײַ די טִיר.

און דער איד איז געװען אַ פָּשׁוּטֶ'ער מענטש! װען ער פְלֶעגְט לֵיינֶען 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת' - איך װייס נישט צו ער האט גֶעקֶענְט די 'עִבְרִי' פון די סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת - האט זיך גֶעגָאסְן טַײַכְן טְרֶערְן, פון נַאשְׁקֶע'ס טַאטֶע [מָאטְיֶע] האט זיך גֶעגָאסְן רִיטְשְׁקֶעס טְרֶערְן!

װען ער האט גֶעזָאגְט די װערטער פון די עֶרְשְׁטֶע מַעֲשֶׂה "מֶען דַארף זֶען מיט שֵׂכֶל און מיט חָכְמָה זִי אַרוֹיסְנֶעמֶען" האט זיך גֶעגָאסְן טְרֶערְן! ר' מָאטְיֶע האט נִישְׁט גֶעפִילְט די טִיפְקֵייט װאס עס לִיגְט אין די װערטער, מִמֵּילָא אַן אַנְדֶערֶער האט עֶפֶּעס אַ גֶעפִיל אין די דָאזִיגֶע װערטער - 'מיט שֵׂכֶל מיט חָכְמָה', ער האט דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט געהאט דעם

המשך אויף זייט 9

# איין מעשה'לע



דער באשעפער באוויזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער

## אַן אַנגענעמע איבערראַשונג

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מען האָט זוכה געווען צו אַזאַ שיינע יום טוב, וויפיל אורות און שִׂמְחָה איז אַריין אין אונז. מוֹצָאֵי שִׂמְחַת תּוֹרָה ווען איך האָב געוואוסט אַז איך האָב נאָר צוויי דריי שָׁעָה ביז הַקָּפוֹת שְׁנִיּוֹת, האָב איך זייער שטאַרק געבעטן דעם אויבערשטן אַז איך וויל אָנְיאָגן צו צעֶנעמען אונזער גאַנצע סוּכָּה - וועלכע איז געווען גראַדע גאַנץ גרויס - אַזוי וועל איך נישט דאַרפן טראַכטן דערפון אַ גאַנץ בֵּין הַזְּמַנִּים און איך וועל קענען פאַרשאַפן אַ נחת רוח פאַר מיינע געטרייע עלטערן.

איך האָב אָנגעהויבן מיט איין זאַך - די לײַלעכער, בְּשַׁעַת איך מאַך ווייטער תְּפִלָּה אַז עס זאָל נעמען שנעל געשיקט, איך זאָל נאָך אָנְיאָגן צו פאַרפּאַקן נאָך עטליכע קלייניקייטן. אַזוי האָב איך נאָכן צאַמנעמען יעדע זאַך ווייטער מִתְפַּלֵּל געווען איך זאָל אַריינכאַפּן וואָס מער, אַזוי איז טאַקע געווען אַז דער אויבערשטער האָט מיר געהאָלפן אויף אַ וואונדערליכע אופן, טראָץ דעם וואָס איך בין נאָך גאַנץ יונג, קוים וואָס איך קען האַלטן אַ שרויפן ציער, איז אַלעס געגאַנגען שנעל געשמירט, איך האָב נישט געגלייבט אַז ביז צוויי דריי שָׁעָה זענען די סְכָךְ און נוֹי סוּכָּה געווען פאַרפּאַקט און אַוועקגעלייגט אין מאַגאַזין [סטאָרעדזש] און די ברעטער און העלצער גרייט צו אַראָפּגעטראָגן ווערן.

מיין טאַטע איז נישט געווען אין שטוב די גאַנצע צייט. ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט ער געהאַט אַן אַנגענעמע איבערראַשונג. ער האָט זיך אַליינס נישט געגלייבט וואָס זיינע אויגן זעען. מיינע עלטערן וועלכע אַרבעטן זייער שווער זענען געווען זייער צופרידן פון מיין אַקציע!

טייערע חֲבֵרִים, ענק זאָלן וויסן, עס זעט אֶפְשָׁר אויס אַביסל אוממגליכליך די מַעֲשֶׂה, אָבער גלייב אַז דו קענסט אויך, איך אַליין האָב [ליידער] אויך נישט געגלייבט וואָספאַראַ כֹּחַ תְּפִלָּה האָט, מען דאַרף בעטן און בעטן פון באַשעפער אויף אַלעס און ער הערט אונז אויס, אֲפִילוּ מען זעט עס נישט אַלעמאָל אויף די מינוט.

## וויאַזוי קויפט מען אַ הוט?!

עֶרֶב יוֹם טוֹב בין איך געפאָרן קיין יְרוּשָׁלַיִם צו קויפן אַ נייע הוט אָבער איך האָב בְּשׁוּם אופן נישט געקענט טרעפן די פּאַסיגע מאָס און די פּרייז וואָס איך האָב געוואָלט. בְּשַׁעַת'ן זיך אַרומדרייען אין די געסעלעך האָב איך פאַרמערט מיט תְּפִלָּה, איך זאָל זיך נישט דאַרפן צופיל פאַרברענגען צייט און טרעפן די ריכטיגע זאַך וואָס איך דאַרף, אָבער עס איז מיר נישט געגאַנגען.

ביי די לעצטע צוויי הוטן וואָס איך פּרובירט בין איך שוין געוואָרן אַביסל נערוועז פאַרוואָס מיינע תְּפִלּוֹת ווערן נישט אָנגענומען. דאַן האָב איך זיך געכאַפּט אַז איך האָב בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַזעלכע שיינע, גוטע בְּגָדִים, און איך האָב נאָך נישט ריכטיג געדאַנקט דעם אויבערשטן פאַרדעם. האָב איך זיך גענומען אויסרעכענען מיינע בְּגָדִים וואָס איך טראָג און געדאַנקט דעם באַשעפער פאַר יעדע פון זיי, און אוממגליכליך די קומענדיגע קאַפּעלוטש איז געווען דאָס וואָס איך האָב געזוכט! יאָ איך האָב זיך געלערנט אַ נייע זאַך אין לעבן, מען דאַרף דאַנקן דעם באַשעפער און באַמערקן וואָס מען פאַרמאָגט יאָ, ווען מען גייט איינקויפן דאַרף מען זאָגן יִישַׁר כֹּחַ אויף וואָס מען האָט שוין, נאָכדעם קען מען בעטן אויף נאָך און מען באַקומט נאָך און מען פרייד זיך מער אויף די נייע זאַכן וואָס מען באַקומט.




# ~ דִי צֶענְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס
# דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט
# דער בערגער און דער ארימאן 1

**מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ בֶּערְגִיר** (דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר)

עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר. עֶר הָאט גִיהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ סְחוֹרוֹת. אוּן זַייְנֶע וֶועקְסְלֶען אוּן זַייְנֶע בְּרִיוו זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. **אוּן עֶר הָאט גִיהַאט כָּל טוּב.** נִידִירִיקֶער פוּן אִים הָאט גִיוואוֹינְט **אֵיין אָרוּם מַאן.** וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער ארוּם מַאן.

**אוּן עֶר הָאט** גִיהַאט גָאר דֶעם הֵיפֶךְ פוּן דֶעם בֶּערְגֶער (דְהַיְינוּ גָאר פַארְקֶערְט אַזוֹי וִוי דֶער בֶּערְגֶער אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר אַזוֹי אִיז עֶר גִיוֶוען פַארְקֶערְט אַ גְרוֹיסֶער אָרוּמַאן) אוּן דִי **בֵּיידֶע הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט.** דֶער בֶּערְגֶער הָאט קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט. אוּן אַזוֹי דֶער אָרוּם מַאן הָאט אוֹיךְ קֵיין קִינְדֶער נִיט גִיהַאט.

**אַמָאל הָאט זִיךְ גְחָלִימְט דֶער בֶּערְגֶער.** אַז סֶע זֶענֶען גִיקוּמֶען מֶענְשְׁן אוּן הָאבִּן גִימַאכְט פַּאקִין פַאקִין. הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט וָואס טוּט אִיר הָאבִּן זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. זֵיי ווִילִין דָאס אִין גַאנְצִין אַוֶועק טְרָאגִין **הָאט צוּ דֶעם אָרוּם מַאן** (דְהַיְינוּ דֶעם אָרוּם מַאן וָואס עֶר הָאט אוּנְטֶער אִים גִיווֹאוֹינְט כַּנַ"ל)

**הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסִין** אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גִיוֶוען. נָאךְ וָואס זֵיי ווִילִין זַיין גַאנְץ עַשִׁירוּת אַוֶועק טְרָאגִין צוּ דֶעם אָרוּם מַאן. אוּן בֵּייזֶערִין זִיךְ קָאן מֶען זִיךְ נִיט. ווָארִין זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אַסַאךְ מֶענְשְׁין. אוּן זֵיי הָאבִּין גִימַאכְט פַּאקִין פַּאקִין פוּן גָאר זַיין פַארְמֶעגִינִיס. פוּן אַלֶע זַייְנֶע סְחוֹרוֹת. אוּן פוּן גָאר זַיין גוּטְץ אוּן הָאבִּין עֶס גָאר אִין גַאנְצִין אַוֶועק גִיטְרָאגִין צוּם דֶעם אָרוּם מַאן הַנַ"ל. אוּן זֵיי הָאבִּן בַּיי אִים גָאר נִיט גִילָאזְט נָאר דִי לֵיידִיקֶע וֶוענְט.

**הָאט עֶס אִים זֵייעֶר זֵייעֶר גִיאַרְט.**

**דֶערְוַוייל** הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף גִיחַאפְּט הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז סֶע אִיז אַ חָלוֹם. אוּן כָאטְשֶׁע עֶר הָאט גִיזֶעהְן אַז סֶע אִיז נָאר אַ חָלוֹם. אוּן סֶע אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם בַּיי אִים זַיין פַארְמֶעגִינִיס אִין גַאנְצְן. פוּן דֶעסְט וֶועגִין פָארְט. הָאט אִים דָאס הַארְץ זֵייעֶר גִיקְלַאפֶּערְט אוּן סֶע הָאט אִים זֵייעֶר גִיהַארְט דֶער חָלוֹם. אוּן סֶע הָאט אִים נִיט גִיקָאנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם זִין דֶער חָלוֹם.

**אוּן דֶער אָרוּם מַאן** (הַנַ"ל) מִיט זַיין וַוייבּ. פְלֶעגְט דֶער בֶּערְגֶער פְרִיר אוֹיךְ הַשְׁגָחָה גִיבִּין אוֹיף זֵיי. אוּן פְלֶעגְט זֵיי אָפְט צוּ גִיבִּין. **אוּן הַיְינְט נָאךְ** דֶעם חָלוֹם. הָאט עֶר אוֹיף זֵיי **מֶער הַשְׁגָחָה גִיגִיבְּן אֵיידֶער פְרִיר.**

**נָאר וֶוען** זֵיי פְלֶעגְן צוּ אִים אַרַיין צוּ קוּמֶען דֶער אָרוּם מַאן. אוֹדֶער זַיין וַוייבּ. **פְלֶעגְט** אִים דָאס פָּנִים נִשְׁתַּנֶה וֶוערִין (דְהַיְינוּ פַארְעֶנְדֶערְט גִיוָוארִין) אוּן עֶר אִיז פַאר זֵיי דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין מַחְמַת עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען דֶעם חָלוֹם. אוּן זֵיי דְהַיְינוּ דֶער אָרוּם מַאן מִיט זַיין וַוייבּ. פְלֶעגִין אָפְט צוּ אִים אַרַיין צוּ גֵיין. אוּן זֵיי זֶענֶען בַּיי אִים אָפְט גִיוֶוען.

**אַמָאל** אִיז צוּ אִים אַרַיין גִיקוּמֶען דֶעם אָרוּמַאנְס וַוייבּ. הָאט עֶר אִיר גִיגִיבְּן וָואס עֶר הָאט אִיר גִיגִיבְּן. אוּן זַיין צוּרָה אִיז אִים נִשְׁתַּנֶה גִיוָוארִין אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין הָאט זִי אִים גִיפְרֶעגְט אוּן הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. אִיךְ בֶּעט אִיבֶּער אַייעֶר כָּבוֹד. זָאגְט מִיר וָואס אִיז דָאס. אַז וֶוען מִיר קוּמֶען צוּ אַייךְ. וֶוערְט אַייעֶר פָּנִים זֵייעֶר פַארְעֶנְדֶערְט.

**הָאט עֶר אִיר דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.** בַּאֲשֶׁר סֶע הָאט זִיךְ אִים אַזוֹי גִיחָלִימְט. (כַּנַ"ל) אוּן זִינְט דֶעמוּלְט אָן קְלַאפֶּערְט אִים דָאס הַארְץ זֵייעֶר (כַּנַ"ל)

**הָאט זִי אִים גִיעֶנְפֶערְט.** אִיז דֶער חָלוֹם נִיט גִיוֶוען אִין דֶער אוּן דֶער נַאכְט. (וָואס זִי הָאט אִים גִיזָאגְט) **עֶנְפֶערְט עֶר אִיר.** יוֹא. וָואס אִיז דֶען. **עֶנְפֶערְט זִי אִים.** אִין דֶער נַאכְט. הָאט זִיךְ מִיר אוֹיךְ גִיחָלִימְט. אַז אִיךְ בִּין אַ גְרוֹיסֶע עַשִׁירָת. אוּן סֶע זֶענֶען גִיקוּמֶען מֶענְשְׁן צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. אוּן הָאבִּין

גִימַאכְט פַּאקִין פַּאקִין. **הָאבּ אִיךְ זֵיי גִיפְרֶעגְט.** וִוי הִין וִוילְט אִיר דָאס טְרָאגִין. **הָאבִּין זֵיי גִיעֶנְפֶּערְט.** צוּ דֶעם אָרוּם מַאן (דְהַיינוּ צוּם בֶּערְגֶער וָואס זֵיי רוּפִין אִים שׁוֹין הַיינְט אָרוּם מַאן)

**בְּכֵן וָואס קוּקְסְטוּ אוֹיף אַ חָלוֹם.** אַלְמַיי מִיר הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִיחָלְמְ'ט.

**אוּן דֶער בֶּערְגֶער** אִיז **הַיינְט** נָאךְ מֶער דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין אוּן אִיז פַּארְטוּמִילְט גִיוָוארִין. וַוייל עֶר הָאט דֶערְהֶערְט אִיר חָלוֹם אוֹיךְ. וָוארִין עֶס וַוייזְט עֶפֶּעס אוֹיס. אַז מֶען זָאל אִיבֶּער טְרָאגִין זַיין עַשִׁירוּת מִיט זַיין גוּטְץ צוּם אָרוּם מַאן. אוּן דֶעם אָרוּמַאנְס דַלוּת זָאל מֶען אִים אִיבֶּער טְרָאגְן. **אִיז עֶר זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין.**

**וַיְהִי הַיּוֹם** אִיז דִי בֶּערְגֶערִין גִיפָארִין שְׁפַּאצִירְן זִיךְ מִיט אַ קַארֶעטֶע. אוּן זִי הָאט מִיט גִינוּמֶען מִיט זִיךְ נָאךְ וַוייבֶּער. אוּן דֶעם אָרוּמַאנְס וַוייבּ הָאט זִי אוֹיךְ מִיט גִינוּמֶען. אוּן זֶענֶען גִיפָארִין נַאשְׁפַּאצִיר.

**דֶערְוַוייל.** אִיז דוֹרְךְ גִיפָארִין אַ יֶעדְנִירַאל מִיט זַיין חַיִל. הָאבִּין זֵיי אִים אָפְּגִיטְרֶעטִין פוּן דֶעם וֶועג. אִיז דָאס חַיִל דוֹרְךְ גִיגַאנְגֶען.

**הָאט** דֶער יֶעדְנִירַאל גִיזֶעהְן אַז סֶע פָארִין וַוייבֶּער, הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז מֶען זָאל אַרוֹיס נֶעמֶען אֵיינֶע פוּן זֵיי

**זֶענֶען** זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין אַרוֹיס גִינוּמֶען דֶעם אָרוּמַאנְס וַוייבּ. אוּן זֵיי הָאבִּין זִי אַרַיין גִיחַאפְּט אִין דֶעם יֶעדְנִירַאלְס קַארֶעטֶע אוּן זֶענֶען מִיט אִיר אַוֶועק גִיפָארִין. קְרִיק **נֶעמֶען** קָאן מֶען שׁוֹין אַוַודְאַי נִיט. וָוארִין עֶר אִיז וַוייטֶער אַוֶועק גִיפָארִין. בִּפְרַט אַ יֶעדְנִירַאל מִיט זַיין חַיִל. אוּן דֶער יֶעדְנִירַאל הָאט זִי גִינוּמֶען. אוּן אִיז מִיט אִיר גִיפָארִין אִין זַיין מְדִינָה אַרַיין

**אוּן זִי אִיז גִיוֶוען אַ יִרְאַת שָׁמַיִם** (דְהַיינוּ זִי הָאט מוֹרָא גִיהַאט פַאר גָאט) אוּן זִי הָאט אִים גָאר נִיט גִיוָואלְט צוּ הֶערִין אוּן זִי הָאט זֵייעֶר גִיוֵויינְט. אוּן מֶען הָאט זִי זֵייעֶר גִיבֶּעטִין. אוּן מֶען הָאט זִי אָן גִירֶעט. **אוּן זִי אִיז אָבֶּער גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע יִרְאַת שָׁמַיִם.**

**אוּן זֵיי** (דְהַיינוּ דִי בֶּערְגֶערִין מִיט דִי אִיבְּרִיקֶע וַוייבֶּער) הָאבִּין זִיךְ אוּם גִיקֶערְט פוּן דֶעם שְׁפַּאצִירְן. אוּן דֶעם אָרוּם מַאנְס וַוייבּ אִיז נִיט דָא. הָאט דֶער אָרוּם מַאן זֵייעֶר גִיוֵויינְט אוּן הָאט זִיךְ גִישְׁלָאגִין קָאפּ אִין דֶער וַואנְט אוּן הָאט **תָּמִיד זֵייעֶר גִיטְרוֹיעֶרְט** אוֹיף זַיין וַוייבּ.

**אַמָאל אִיז דֶער בֶּערְגֶער** פִיר גִיגַאנְגֶען פַאר דֶעם אָרוּמַאנְס שְׁטוּבּ. הָאט עֶר גִיהֶערְט וִוי דֶער אָרוּם מַאן וֵוינְט זֵייעֶר בִּיטֶער אוּן שְׁלָאגְט זִיךְ קָאפּ אִין דֶער וַואנְט. אִיז דֶער בֶּערְגֶער צוּ אִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. וָואס וֵויינְסְטוּ אַזוֹי שְׁטַארְק.

**הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶּערְט.** פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִיט וֵויינֶען. וָואס אִיז מִיר דֶען גִיבְּלִיבְּן. בַּיי אֵינֶעם בְּלַייבְּט דָאס **עַשִׁירוּת.** אָדֶער סֶע בְּלַייבְּט **קִינְדֶער.** אִיךְ הָאבּ גָאר נִיט. אוּן מַיין **וַוייבּ** הָאט מֶען אוֹיךְ בַּיי מִיר אַוֶועק גִינוּמֶען. וָואס אִיז מִיר גִיבְּלִיבְּן.

**הָאט** עֶס דֶעם בֶּערְגִיר זֵייעֶר אָנְגִיחַאפְּט בַּיים הַארְץ. אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גְרוֹיס רַחְמָנוּת גִיהַאט אוֹיף דֶעם אָרוּם מַאן. מַחְמַת עֶר הָאט גִיזֶעהְן זַיין בִּיטֶערְנִישׁ. **עֶר טְרוֹיעֶרְט זֵייעֶר.**

**אוּן** אִיז גִיגַאנְגֶען (דֶער בֶּערְגִיר) אוּן הָאט גִיטָאן **אַ וִוילְדֶע זַאךְ** אוּן סֶע אִיז טַאקֶע גְוֶוען צוּם אֶמֶת אַ שִׁגָעוֹן. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיפְרֶעגְט אִין וֶועלְכֶער מְדִינָה סֶע וואוֹינְט דֶער יֶעדְנִירַאל. אוּן אִיז אַהִין גִיפָארְן.

**אוּן עֶר הָאט גִיטָאן אַ וִוילְדֶע זַאךְ.** אוּן עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּם יֶעדְנִירַאל אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. אוּן דָארְט פַאר דֶעם יֶעדְנִירַאל שְׁטֵייעֶן זִיךְ וַואכִין. אוּן עֶר מַחְמַת זֵייעֶר גְרוֹיס **בְּהָלָה** אִיז עֶר פְלוּצִים מִיט גְרוֹיס **בְּהָלָה** גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גָאר נִיט אוּם גִיקוּקְט אוֹיף דִי וַואכִין.

**אוּן דִי וַואכִין** זֶענֶען אוֹיךְ דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין אוּן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְטוּמֶעלְט גִיוָוארִין. מַחְמַת זֵיי הָאבִּין פְלוּצִים גִיזֶעהְן אַ מֶענְשִׁין לֶעבִּין זִיךְ מִיט גְרוֹיס **בְּהָלָה.** זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין. וִוי קוּמְט דֶער אַהֶער.

**און מַחְמַת בְּהָלָה** הָאבִּין אִים אַלֶע וַואכִין גִילָאזְט. און עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַלֶע וַואכִין בִּיז עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען צוּם יֶעדְנִירַאל אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. צוּ דֶעם אָרְט וָואס זִי אִיז דָארְט גִילֶעגִין. **און עֶר אִיז גִיקוּמֶען** און עֶר הָאט זִי אוֹיף גִיוֶועקְט און הָאט צוּ אִיר גִיזָאגְט. קוּם.

**ווִי זִי הָאט אִים דֶערְזֶעהְן** אִיז זִי דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין. הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט. תֵּיכֶּף קוּם מִיט מִיר. אִיז זִי מִיט אִים גִיגַאנְגֶען. זֶענֶען זֵיי אִיצְט אוֹיף אַרִיבֶּער אִיבֶּער אַלֶע וַואכִין בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיקוּמֶען.

**דֶערְנָאךְ** הָאט עֶר זִיךְ עֶרְשְׁט אַרוּם גִיקוּקְט און עֶר הָאט זִיךְ עֶרְשְׁט דֶערְמַאנְט וָואס עֶר הָאט דָא גִיטָאן. אַזוֹי **אַ ווִילְדֶע זַאךְ**. און עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא וֶועט בְּוַודְאַי תֵּיכֶּף וֶוערִין אַ גְרוֹיס גִיפִּילְדֶער בַּיי דֶעם יֶעדְנִירַאל. און סֶע אִיז טַאקֶע אַזוֹי גִיוֶוען. סֶע גִיוָוארִין תֵּיכֶּף אַ גְרוֹיס גִיפִּילְדֶער בַּאם יֶעדְנִירַאל.

**אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער בֶּערְגֶער.** און הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטִין מִיט אִיר אִין אַ **גְרוּבּ** וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען רֶעגִין וַואסֶער. בִּיז דֶער רַעשׁ וֶועט אִיבֶּער גֵיין. און עֶר הָאט דָארְט מִיט אִיר גִיזָאמְט **צְווֵיי טָאג**. הָאט זִי גִיזֶעהְן דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ וָואס עֶר הָאט פוּן אִירֶעט וֶועגִין. און דִי צָרוֹת וָואס עֶר לַייט אִיבֶּער אִיר.

**הָאט זִי גִישְׁוואוֹירִין בַּיי גָאט.** אַז גָאר אִיר מַזָל וָואס זִי הָאט. אֶפְשֶׁר הָאט זִי עֶפֶּעס אַמַזָל. אַז זִי זָאל הָאבִּין גְרוֹיס גְדוּלָה. און הַצְלָחָה. **זָאל גָאר אִיר הַצְלָחָה. נִיט זַיין פַּארְמִיטִין פוּן אִים** (דְהַיְינוּ פוּן דֶעם בֶּערְגֶער) און אַז עֶר וֶועט וֶועלִין זִיךְ נֶעמֶען גָאר אִיר הַצְלָחָה מִיט אִיר גְדוּלָה. און זִי זָאל בְּלַייבִּין אַזוֹי ווִי פְּרִיר. זָאל עֶס פוּן אִים גָאר נִיט פַארְמִיטִין זַיין. לוּשְׁמִיר ווִי נֶעמְט מֶען דָארְט עֵדוּת.

**הָאט** זִי גִינוּמֶען דֶעם **גְרוּבּ** פַאר אֵיין עֵדוּת. נָאךְ צְווֵיי טָאג. אִיז עֶר מִיט אִיר פוּן דָארְט אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען און אִיז וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. און עֶר אִיז מִיט אִיר וַוייטֶער וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען.

**און עֶר הָאט** פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָארְט. אִין דֶעם אָרְט. זוּכְט מֶען זִי אוֹיךְ. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען און הָאט זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטִין נָאךְ אַמָאל אִין אַ **מִקְוֶה**.

**הָאט זִי זִיךְ** דָארְט ווִידֶער אַמָאל דֶערְמַאנְט. דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ. און דִי צָרוֹת וָואס עֶר לַייט פוּן אִירֶעט וֶועגִין. **הָאט זִי נָאךְ אַמָאל גִישְׁוואוֹירִין.** אַזוֹי ווִי פְּרִיר. אַז גָאר אִיר מַזָל וְכוּ' כַּנַ"ל. און הָאט גִינוּמֶען דִי **מִקְוֶה** צוּ **עֵדוּת**. זֶענֶען זֵיי דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען אַ קֶעגִין צְווֵיי טָאג.

**און זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען.** און זֶענֶען וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. הָאט עֶר ווִידֶער פַארְשְׁטַאנֶען. אַז מֶע זוּכְט דָא אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ ווִידֶער מִיט אִיר בַּאהַאלְטִין.

**און אַזוֹי** אִיז גִיוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל. וָואס עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיר אַלֶע מָאל אִין אֵיין אַנְדֶער אָרְט בַּאהַלְטִין דְהַיְינוּ **אִין זִיבְּן אִירְלַיי וַואסֶערִין**. דְהַיְינוּ אִין אַ **גְרוּבּ** מִיט וַואסֶער און אִין אַ **מִקְוֶה** כַּנַ"ל און **אַגַמִים** (גִימוֹיזִיכְץ) און אַ **קְווַאל** און **נְחָלִים** (רִיטְשְׁקֶעס) און **נְהָרוֹת** (טַייכִין) און **יַמִים**.

**און אִין אִיטְלִיכְן** אָרְט וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאהַלְטְן. הָאט זִי זִיךְ אַלְץ דֶערְמַאנְט אִין זַיין מְסִירוּת נֶפֶשׁ און דִי צָרוֹת וָואס עֶר לַייט פוּן אִירֶעט וֶועגִין און זִי הָאט **אִים גִישְׁוואוֹירִין אַלְץ**. אַז אִיר מַזָל וְכוּ' כַּנַ"ל.

**און זִי הָאט** אַלֶע מָאל גִינוּמֶען דָאס אָרְט צוּ עֵדוּת כַּנַ"ל. און זֵיי זֶענֶען אַלְץ אַזוֹי גִיגַאנְגֶען און זֵיי הָאבִּין זִיךְ אַלֶע מָאל בַּאהַאלְטִין אִין דִי עֶרְטֶער (הַנַ"ל) בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם יַם.

**ווִי זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם יַם.** און דֶער בֶּערְגֶער אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר. און עֶר הָאט גִיוואוּסְט דִי גֶענְג אוֹיף דֶעם יַם הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁנִיטְן עֶר זָאל קוּמֶען אִין זַיין מְדִינָה אַרַיין בִּיז עֶר אִיז אִיבֶּער גִיפָארִין דֶעם וֶועג און אִיז אַהֵיים גִיקוּמֶען מִיט דֶעם אָרוּם מַאנְס וַוייבּ. און הָאט זִי אָפּ גִיבְּרַאכְט דֶעם אָרוּם מַאן.

# אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.




## די צענטע מעשה (1) - פונעם בערגיר מיטן ארימאן

**א. וואס איז דער בערגיר געווען?**

☐ א עושר.
☐ א גרויסער עושר.
☐ זייער א גרויסער עושר.

**ב. וואס איז געווען דער שכן וואס האט געוואוינט נידריגער פון אים?**

☐ א עושר.
☐ א ארימאן.
☐ זייער א גרויסער ארימאן.

**ג. וואס איז געשעהן צום בערגיר נאכן חלום?**

☐ זיין הארץ האט אים זייער געקלאפערט.
☐ ס'האט אים זייער געארט.
☐ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ד. וואס האט פאסירט מיטן בערגיר ווען דער ארימאן און זיין ווייב פלעגן קומען צו אים?**

☐ זיין פנים פלעגט פארענדערט (אנדערש) ווערן.
☐ ער איז דערשראקן געווארן.
☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ה. וואס האט געחלומ'ט די ווייב פון ארימאן?**

☐ אז זיא איז ארים און עס קומען מענטשן און מאכן פאקן פאקן.
☐ אז זי איז א גרויסע עשירה (עשירות'טע) און עס קומען מענטשן און מאכן פאקן פאקן.
☐ אז ס'זענען געקומען מענטשן און געמאכט פאקן פאקן.

**ו. וואס איז געשעהן צום בערגיר נאך וואס די ווייב פון ארימאן האט דערציילט איר חלום?**

☐ ער איז געפאלן חלשות.
☐ ער איז נאך מער דערשראקן געווארן און ער איז פארטומלט געווארן .
☐ ער איז געווארן קראנק.

**ז. ווען האט די ווייב פונעם בערגיר גענומען צו שפאצירן?**

☐ נאך ווייבער.
☐ דעם ארימאנ'ס ווייב.
☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ח. ווען האט מען ארויסגענומען פון וואגן צום יעדניראל?**

☐ די ווייב פון בערגיר.
☐ די ווייב פון ארימאן.
☐ איינע פון אירע חבר'טעס.

**ט. וואס האט דער בערגער געטאן איר ארויסצונעמען?**

☐ ער האט געדאוונט.
☐ ער האט געטאן א ווילדע זאך.
☐ ער האט געטאן א אינטערסאנטע זאך.

**י. האט דער בערגיר מצליח געווען איר ארויסצונעמען פון הויז פון יעדניראל?**

☐ יא.
☐ ניין.
☐ יא, נאך דער יעדניראל האט איר צוריקגעכאפט.

**יא. וואו האט זיך דער בערגיר צום ערשט באהאלטן?**

☐ אין א הייל.
☐ אין א מקוה.
☐ אין א גרוב.

**יב. וואס האט די ווייב פונעם ארימאן געשוואוירן?**

☐ אז איר גאנצע פארמעגן וועט זי געבן פארן בערגיר.
☐ אז אויב זי וועט האבן א קינד, וועט זי זיך משדך זיין מיט אים.
☐ אז איר גאנצע מזל און הצלחה, זאל ער קענען נעמען.

**יג. ווען האט זי גענומען פאר עדות אויף דעם?**

☐ דער באשעפער.
☐ די גרוב און די מקוה.
☐ צוויי מענטשן וואס זענען דארט אריבערגעגאנגען.

**יד. וויפיל טעג זענען זיי געווען אין די גרוב און אין די מקוה?**

☐ אין גרוב זיבן טעג, און אין מקוה בערך צוויי טעג.
☐ אין גרוב צוויי טעג, און אין מקוה זיבן טעג.
☐ אין גרוב צוויי טעג, און אין מקוה בערך צוויי טעג.

**טו. אין וויפיל און אין וועלכע פלעצער האבן זיי זיך באהאלטן?**

☐ אין זיבן פלעצער. אין גרוב, מקוה, הייל, פעלדער, וועלדער, מדבריות, און דערפער.
☐ אין זיבן וואסערן. אין א גרוב, מקוה, געמויזעכטץ, קוואל, ריטשקעס, טייכן, און יַמִּים.
☐ אין צוויי פלעצער. אין א גרוב, און אין א מקוה.

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**

☐ אז רצון ברעכט אייזן.
☐ מסירת נפש פאר פדיון שבויים.
☐ ______________________________.

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149 646-518-1095

'שִׂמְחַת תּוֹרָה' הָאבְּן מִיר גֶעהַאלְטְן דִּי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה. פַאר דֶעם אַלֶעם דַארְף מֶען דָאךְ דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן, אוּן אַלֶעס בְּכֹחַ פוּן גְרוֹיסְן צַדִּיק מִיט זַיין קְדוּשָׁה וֶועלְכֶער הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ גֵיי פַאר אַייךְ", הָאבְּן מִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהֵייבְּן דֶעם חֹדֶשׁ מִיט דֶעם גְרוֹיסְן רֶבִּי'ן.

מִיר הָאבְּן גֶעמַאכְט דִּי בְּרָכָה פוּן "אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ". בָּרוּךְ אֱלֹקֵינוּ שֶׁבְּרָאָנוּ לִכְבוֹדוֹ וְהִבְדִּילָנוּ מִן הַתּוֹעִים. לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִּי הֵיילִיגֶע נִגּוּנִים. כִּי אָנוּ עַמֶּךָ, וְאַתָּה אָבִינוּ... אַ גַאנְץ יָאר דַארְף דָאס אוּנְז בַּאגְלֵייטְן, יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען מַאכְן אַ שִׂמְחַת תּוֹרָה, דִּי תּוֹרָה אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן אוֹיף יֶעדְן טָאג! מִיר מַאכְן יֶעדְן טָאג דִּי בְּרָכָה "אֲשֶׁר בָּחַר בָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים" פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער הָאט עֶר אוּנְז אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן, "וְנָתַן לָנוּ אֶת תּוֹרָתוֹ" עֶר הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶעם שַׁבָּת שְׁטֵייעֶן מִיר בַּיי בְּרֵאשִׁית, אַ נַייעֶ הַתְחָלָה. טַייעֶרֶע קִינְדֶער, עֶנְק וֵוייסְן וִויאַזוֹי הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶער בַּאשַׁאפוּנְג פוּן דֶער וֶועלְט? עֶס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען פַאר דֶעם תֹּהוּ וָבֹהוּ וְחֹשֶׁךְ עַל פְּנֵי תְהוֹם, וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אַלֶע סָארְטְן טוּנְקְלְקַייטְן פוּן דֶער סִטְרָא אַחֲרָא, פּוּסְט אוּן לֵיידִיג. וִוי אַזוֹי הָאט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּאשַׁאפְן דִּי וֶועלְט?! עֶס אִיז גֶעוֶוען 'וְרוּחַ אֱלֹקִים מְרַחֶפֶת עַל פְּנֵי הַמָּיִם', זָאגְט דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ: "דָאס אִיז דֶער רוּחַ פוּן מָשִׁיחַ". מָשִׁיחַ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'טוֹב' ווייל עֶר וֶועט טְרֶעפְן אִין יֶעדְן אֵיינֶעם נָאר זַיין גוּטְס! אַזוֹי זָאגְט דֶער פָּסוּק אִין רוּת, "וְהָיָה בַבֹּקֶר אִם יִגְאָלֵךְ טוֹב יִגְאָל" (רוּת ג, יג), דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִּי גְאוּלָה אַז מָשִׁיחַ, וָואס וֶוערְט גֶערוּפְן טוֹב וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן. דוּרְךְ דֶעם גוּטְן רוּחַ פוּן מָשִׁיחַ אִיז גֶעוָוארְן דֶער בִּנְיָן פוּן דֶער וֶועלְט, דִּי וֶועלְט אִיז אַזוֹי גֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן.

זָאגְט ר' נָתָן, "הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט גֶעזֶען אַז עֶס וֶועלְן זַיין אִידֶעלֶעךְ וֶועלְכֶע וֶועלְן מַאכְן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, מִצְוֹת, הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אָפְּגֶעטֵיילְט צְווִישְׁן אוֹר אוּן חֹשֶׁךְ, צְווִישְׁן דִּי שְׁלֶעכְטְס הָאט עֶר בַּאשַׁאפְן דֶעם אוֹר וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים יְהִי אוֹר, עֶס אִיז גֶעוָוארְן לִיכְטִיג! אַזוֹי אוֹיךְ הַיינְט וֶוען אַ אִיד הָאט אַ שְׁוַואכֶע מִינוּט פוּן חֹשֶׁךְ, לֵיידִיגְקַייט, אוּן עֶר טְרֶעפְט בַּיי זִיךְ אַ נְקוּדָה טוֹבָה גֵייט עֶר אַרוֹיס פוּן שְׁלֶעכְטְס אוּן גֵייט אַרַיין אִין גוּטְס - לְכַף זְכוּת, דֶער אוֹר וֶוערְט נִתְגַּלָּה אוּן אַזוֹי וֶוערְט אַ נַייעֶ בְּרִיאָה! יֶעדֶער פוּן אוּנְז קֶען יֶעדְן טָאג בַּאשַׁאפְן אַ נַייעֶ בְּרִיאָה, וֶוען מִיר וֶועלְן טְרֶעפְן אִין אוּנְז נְקוּדוֹת טוֹבוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִין אָנְהֵייב בְּרִיאָה גֶעטְרָאפְן אִין אוּנְז נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מִיר טְרֶעפְן אִין אוּנְז נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, טֵיילְן מִיר אָפּ פוּן חֹשֶׁךְ לְאוֹר."

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אָנְהֵייבְּן דָאס יָאר מִיט אַ הִתְחַדְשׁוּת. 'בְּרֵאשִׁית' זָאגְט רַשִׁ"י ב' רֵאשִׁית, וֶועגְן צְווֵיי רֵאשִׁית הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּאשֶׁעפֶער דִּי וֶועלְט, אֵיינְס וֶועגְן דִּי תּוֹרָה וֶועלְכֶע רוּפְט זִיךְ 'רֵאשִׁית' אוּן אוֹיךְ פַאר כְּלַל יִשְׂרָאֵל וֶועלְכֶע רוּפְן זִיךְ אוֹיךְ 'רֵאשִׁית'. זָאלְן מִיר זִיךְ טַאקֶע קֶענֶען אַלֶעמָאל שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אוּנְזֶערֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, מְקַיֵּים זַיין דִּי תּוֹרָה מִיט שִׂמְחָה אוּן חֵשֶׁק, בִּיז מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹרוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ בְּהִתְגַּלּוּת מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

געפילו! אָבער פּאָרט האָט ער פּאַרגאָסן טרערן, אַזאַ אֱמוּנָה האָט ער געהאַט אינעם רבי'ן.

על פּי רוב פּלעגט ער וועלן שַׁבָּת דאַוונען פאַר'ן עַמּוּד, בּיז 'שׁוֹכֵן עַד'. ער פּלעגט זיך מוטשענען מיט'ן זען, פּלעגט ער האַלטן די סדור נאָנט צו די אויגן, און ס'האָט זיך געגאָסן טרערן פון די אויגן, איך ווייס נישט ווי אַזוי ער האָט געזאָגט די עִבְרִי, ער האָט קיין עִבְרִי נישט געקענט... אָבער, טרערן האָט זיך געגאָסן פון די אויגן! איך בין געוואַלדיג נתפּעל געוואָרן, געוואַלד און געשריגן, ער איז דאָך אַ פּשוט'ער מענטש.

עס דאַרף זיין אַן אֱמוּנָה אינעם רבי'ן אַזוי גרויס - אַז מען זאָגט סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת גיסט זיך טרערן פון די אויגן!

מיר זענען געווען אַמאָל שַׁבָּת ביי אים אין קרימענטשוג - ביי דעם מאַטיע, איך מיט נאַשקע (טולטשינער) עָלָיו הַשָּׁלוֹם האָבן מיר געזאָגט צו נאַשקע; "נאַשקע, ס'איז אַ לעכטיגער טיש"! נאַשקע האָט אויך אַזוי געזאָגט, ס'איז אַ לעכטיגער טיש, די טיש שיינט - פּרייטאָג צונאַכטס איז געווען אַזאַ לעכטיגער טיש!

מאַטיע האָט אַלץ געהאַלטן דעם סדור נאָנט צו די אויגן, ביי 'אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין' האָט זיך געגאָסן טרערן, און ביי 'וִיהֵא רַעֲוָא' גיסט זיך טרערן, דער גאַנצער טיש איז געווען פול מיט טרערן!

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן נאָך די סעודה פרייטאָג צו נאַכט'ס, אין קרימענטשוג האָט מען זיך געלייגט שלאָפן שפּעט. ווען ס'איז געקומען די צייט פון 'חֲצוֹת', און מאַטיע דרייט זיך שוין אַרום - מאַטיע איז שוין אויף! מאַטיע קלאַפּט שוין מיט חֲצוֹת! וואָס טוט זיך דאָ?! אַ פּראָסטער מענטש און עפּעס אַזאַ 'צדיק'! אַ לעכטיגער טיש! עפּעס אַ

איש צַדִּיק! אַ אִישׁ צַדִּיק!

נאָכדעם האָט מען געזען פון אים טאַקע גראָסקייט, ער איז טאַקע געווען אַ 'בְּחִינַת צַדִּיק', ער האָט אַוועקגעגעבן מער פון וואָס ער האָט פאַרדינט, די ברייטע 'הַכְנָסַת אוֹרְחִים' וואָס ס'איז געווען ביי אים אין שטוב - 'בֵּיתוֹ פָּתוּחַ לִרְוָחָה'

רֶבּי אַבְרָהָם שטערנהאַרץ עָלָיו הַשָּׁלוֹם האָט געהאַט פאַר אים שטאַרק דֶּרֶךְ אֶרֶץ! ער האָט געזאָגט; אַז מאַטיע איז אַ באַהאַלטערנער מענטש.

אַמאָל איז ער געקומען צו פאָרן קיין אומאַן, און ער איז געווען זייער צוגעלייגט, פרעג איך אים; "מאַטיע פאַרוואָס ביסטו אַזוי צוגעלייגט?" איך בין געווען מיט אים זייער נאָנט, זאָגט ער מיר; "איך בין איצטער אַן אָרימאַן, איך האָב גאָרנישט צו טיילן פאַר צְדָקָה!

מיר אַרט נישט אַז איך האָב גאָרנישט, נאָר ווען איך פלעג קומען קיין אומאַן, פלעג איך טיילן" אַלע חסידים האָבן געוואוסט, אַז מאַטיע איז דאָ וועט ער געבן צְדָקָה, - און היינט קען איך נישט געבן, האָב איך אַ גרויסע צַעַר, איך קען זיי נישט געבן! "די אָרימעלייט קוקן אַרויס אויף מיר איך זאָל זיי געבן, און איך האָב נישט, איך האָב זיי נישט צו געבן!"

האָב איך אים געשטאַרקט: "פריער האָט דער אויבערשטער דיר געפּרואווט מיט דעם אַז דו האָסט יאָ געהאַט, און דו זאָלסט וויסן וואָס צו טון מיט די געלט, יעצט פּרואווט מען דיך אַז דו האָסט נישט געלט! אָבער דו וועסט ווייטער האָבן!"

ער האָט טאַקע שפּעטער נאָכמאָל געהאַט פַּרְנָסָה. נאָכדעם האָט דער אויבערשטער געהאָלפן איז מאַטיע געוואָרן צוריק רייך און ער האָט ווידער אָנגעהויבן טיילן צְדָקָה.

# צו אלע טייערע ברסלב'ע חסידים, אנשי שלומינו, די בכל אתר ואתר,

מיט גרויס רחמי שמים און סייעתא דשמיא עפנט זיך א מתמידים פאר קינדער וואס איז געבויט אויפן רבי'נס תורות און שיחות. באמת וואלט יעדער טאטע געדארפט האבן אן אייגענעם מתמידים ביי זיך אין שטוב, דאס איז געווען דער רצון פון הייליגן רבי'ן. אין שיחות הר"ן איז דא א שיחה וואס דער רבי האט געזאגט מיט א פלאקער: **"והודעתם לבניך**, אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון", (שיחה ר"ט). אבער נישט יעדער טאטע האט די צייט און מעגליכקייט דערצו, האבן זיך עטליכע אינגעלייט אונטערגעגארטלט צו עפענען דעם מתמידים **'והודעתם לבניך'**, איבערצוגעבן דעם רבי'נס מעשיות און שיחות פאר אייערע קינדער, לויטער און ריין, ווי דער רבי האט געשטרעבט.

אין דעם מתמידים וועלן די קינדער בעזר השם, משך די יארן, קענען אדורכגיין קיצור שולחן ערוך, אזוי אויך ברסלב'ע ספרים, השתפכות הנפש, סיפורי מעשיות, ספר המדות, שיחות הר"ן, פארגעלערנט דורך ערליכע ברסלב'ע מגידי שיעור און געטרייע מלמדים.

מען שטייט שוין באלד ביי פרשת נח. עס איז דא א שיחה פון רבי'ן אז אין די גאנצע וועלט איז געווען א מבול און אין ארץ ישראל איז ווי באקאנט נישט געווען קיין מבול, אבער עס האט ארייגעשפריצט דארט הייסע קאכעדיגע וואסער פון דער מבול וואס איז געווען ארום דער וועלט. זאגט דער רבי אז ליידער קומט אראפ אויף דער וועלט אין די לעצטע דורות, א מבול פון אפיקורסות, הפקרות, וואס שווענקט אפ און שפריצט אריין אין יעדע גוטע פלאץ, און ברוך השם אז מיר האבן באקומען א מתנה אזא הייליגער רבי, וואס ער איז דער תיבת נח - נחמן, א באשיצטע תיבה ווי מען קען זיך דערהאלטן מיט זיינע עצות און זיך שיצן אונטער זיינע פליגלען און אזוי זיך ראטעווען פונעם מבול וואס פארשווענקט די וועלט.

די מעלה פון מתמידים **'והודעתם לבניך'** איז אז מען לייגט אריין אין די יונגע קינדער נאך פון קליינווייז אן, די עצות און דעת פון רבי'ן, וואס די חשיבות פון דעם איז אין לשער ואין לתאר, אזוי ווי חז"ל זאגן: "הלומד ילד למה הוא דומה," אז ער באקומט די לימודים גלייך ווען ער איז נאך קליין, זיין מח און קאפ איז נאך ריין, גייט אריין די דיבורים מיט א תמימות און ריינקייט, און דאס וועט אים בעזר השם באגלייטן זיין גאנצן לעבן, און שטעלן ריכטיגע יסודות פאר די קומענדיגע דורות.

אין דעם מתמידים וועלן די קינדער באקומען דעם רבי'נס התעוררות, דעם רבי'נס התחזקות, דעם רבינ'ס תמימות, דעם רבי'נס דעת. לאמיר מאכן דעם

ריכטיגן שריט און איינשרייבן אונזערע קינדער אין **׳והודעתם לבניך׳** וואו זיי וועלן קענען יעדן טאג, משך די עטליכע און דרייסיג מינוט הערן הלכה, ספרי ברסלב, התבודדות און נאך.

ר׳ נתן איז מאריך אין ליקוטי הלכות אז חז״ל זאגן אז גלייך ווען א קינד קען שוין רעדן, לערנט מען אים אויס צו זאגן ׳תורה צוה׳, ׳שמע ישראל׳ - עס איז דא נאר איין באשעפער אויף דער וועלט, זאגט ר׳ נתן: ״מִפִּי עוֹלְלִים וְיֹנְקִים יִסַּדְתָּ עֹז לְמַעַן צוֹרְרֶיךָ לְהַשְׁבִּית אוֹיֵב וּמִתְנַקֵּם״ (תהלים ח, ג), די עוללים, די תינוקות של בית רבן שלא טעמו טעם חטא, די ריינע קינדערלעך וועלן הערן דעם רבי׳נס רייד, וועלן זיי באמת קענען רייניגן די וועלט און אנגרייטן פאר משיח צדקינו, בכח דעם הייליגן רבי׳ן און בכח די תינוקות של בית רבן.

### פראגן וואס עלטערן פרעגן:

## פון וועלכע יארגאנג איז ׳והודעתם לבניך׳ צוגעפאסט?

פון בערך כתה ד׳ - ה׳, פארשטייט זיך אז עס ווענדט זיך אסאך אינעם קינד, אויב ער איז שוין גרייט צו איינזיצן און האבן די אחריות יעדן טאג צו רופן דעם טעלעפאן ליין און שטיין אין די לימודים.

## זענען די לימודים פאר קינדער פון כתה ד׳ און כתה ח׳ די זעלבע?

א פראגע וואס עטליכע עלטערן האבן געפרעגט, אזוי אויך צוויי ברודער אין איין משפחה וועלכע זענען גערוקט עטליכע יאר. באמת וואלטן מיר געדארפט האבן צוויי סארטן לימודים לויט די עלטער פון די קינדער, אבער איינס: די לימודים פונעם רבי׳ן זענען געזאגט געווארן פאר קטנים וגדולים! צווייטנס, אין די יעצטיגע אומשטענדן איז אונז אוממעגליך צו עפענען צוויי חבורות לויט די יארגאנג, וויבאלד מיר עפענען יעצט אויף פון דאסניי. די סטעף ארבעט שוין אויף די מתמידים עטליכע חדשים און געלויבט השי״ת אז מיר האלטן שוין דא, אבער אויב מיר וועלן זען אין די קומענדיגע חדשים אז מען דארף צולייגן פאר די עלטערע קינדער אדער אראפנעמען פאר די קלענע וועט מען דאס נעמען אין באטראכט. [מען בעט טאקע פון די חשוב׳ע עלטערן זאלן האלטן אן אויג צו זען וויאזוי די קינדער האלטן מיט די לימודים].

## ווער שטייט אונטער ׳והודעתם לבניך׳?

עטליכע ברסלב׳ע יונגעלייט, מלמדים, וראשי חבורות, פון ארץ ישראל און פון אמעריקא און אייראפע, און איז געווארן איבערגערעדט מיט ראשי החבורות פון די ילדי ברסלב פון ירושלים און בית שמש, אזוי אויך זענען מיר כסדר בקשר מיט זקני אנשי שלומנו, צו הערן וויפיל און וויאזוי איז געווען דער סדר און דער צוגאנג פון דעם רבינ׳ס לימודים פאר קינדער אין די פריערדיגע יארן.

המשך פון זייט 11

## איז א טעלעפאן ליין צוגעפאסט פאר אלע קינדער, אפשר איז בעסער סי די'ס?

די מעלה פון א סי די איז אז די קינדער דארפן נישט זוכן קיין טעלעפאן ווען זיי קומען אהיים, אבער עס זענען געווען קינדער וואס האבן זיך אפרעדט אז זיי דארפן כסדר זוכן די שיעורים אויף די סי די'ס און ווערן צעמישט. אזוי אויך זענען די שיעורים אויף א סי די געווארן אריינגעזאגט עטליכע יארן צוריק, עס פארלירט אביסל די פרישקייט אבער ווען מען הערט די שיעורים אינעם טעלעפאן איז עס קוים יעצט ארויפגעלייגט געווארן און מען קען מען אויסשמועסן און רעדן זאכן וואס זענען עומדים על הפרק און איז שייך פאר די יעצטיגע טעג ווי ימים טובים א.ד.ג. איז עס מער אינטערעסאנט. נאך א מעלה איז דא מיט א טעלעפאן ליין, אז סוף חודש באקומט מען א ריפארט וואס און וויפיל די קינדער האבן מיטגעהאלטן, אויף דעם אופן קען דער מגיד שיעור און עלטערן האלטן קאנטראל אויף די קינדער.

## וואס איז די פרייז ?

מיר בעטן א דורכשניטליכע פרייז וואס מען בעט היינט, $49 א חודש אין אמעריקע און אייראפע, פאר די קינדער פון ארץ ישראל וועלכע זענען נישט איינגעשריבן אין קיין שום מתמידים (חברה) איז די פרייז 49 ₪. (וויבאלד מיר ארבעטן מיט א קליינעם ציבור, וועט עס קנאפ דעקן די קאסטן.)

## וועט זיין מסיבות, פראגראמען און מתנות?

בעז"ה האפן מיר פון מאל צו מאל ארויפצולייגן שיינע ניגונים ספעציעל פאר די קינדער, אזוי אויך ווילן מיר מאכן חבורות און סיומים (געוואנדן לויט וויפיל קינדער עס וועלן זיך איינשרייבן אין יעדן געגענט). אויך וועט אי"ה זיין יעדע וואך גורלות פאר די קינדער וואס האלטן מיט די שיעורים און ענטפערן אויף די בחינות. און סוף יאר וועט מען טיילן מתנות.

## ווען הייבט זיך בעז"ה אן די מתמידים?

מיר הייבן אן בעז"ה י"ט חשון. ביטע זיך איינשרייבן ווי פריער מען זאל קענען אלעס מסדר זיין על צד היותר טוב און אפשיקן די לוח פאר די קינדער צייטליך.

**וחפץ ה' בידינו יצליח**

**שרייבט איין אייערע קינדער אין מתמידים "והודעתם לבניך"**

**דורך רופן:**

**646-213-4766**

**ענגלאנד 020-37459540**

**ארץ ישראל 0733517202**

(נאר עלטערן קענען איינשרייבן)